# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

324 | פרשת צו | תש"פ


## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א סגולה אקעגן מחשבות זרות

**"אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד עַל הַמִּזְבֵּחַ לֹא תִכְבֶּה"** (ו ו)

דער של"ה הקדוש שרייבט:

"איך האב געטראפן א כתב יד פונעם געטליכן מאן רבי משה קורדובירו וואס שרייבט מיט דעם לשון: 'א זקן אחד האט מיר אויסגעלערנט; כדי מבטל צו זיין א שלעכטע מחשבה - זאל מען אסאך מאל זאגן דער פסוק: 'אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד עַל הַמִּזְבֵּחַ לֹא תִכְבֶּה". און ביי מיר איז זיכער אז דער זקן איז געווען אליהו הנביא, און צוליב זיין גרויסע ענוה האט דער רמ"ק עס נישט געוואלט אנטפלעקן".

דער 'כף החיים' ברענגט די סגולה אלץ א עצה צו מבטל זיין די מחשבות זרות וואס קומען ארויף בשעת'ן דאווענען, אזוי ווי עס איז גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח צח א): "המתפלל צריך שיכוין... ויסיר כל המחשבות הטורדות אותו עד שתישאר מחשבתו וכוונתו זכה בתפלתו".

רבי יצחק שרים פון די חכמי ארם צובה האט געזאגט, אויך ענטפערן אמן מיט כוונה האט א גרויסן כח מבטל זיין פון א מענטש הרהורים און מחשבות זרות וואס קומען ארויף אויפן געדאנק בשעת'ן דאווענען. און זאגט א רמז אויף דעם: 'אמן' איז בגימטריה צֵ"א, דורך ענטפערן מיט כוונה גייען ארויס די מחשבות זרות פון די קאפ.

'של"ה' שער האותיות אות ל; 'כף החיים' או"ח צח ח; טז; 'ליקוטים מפרדס' מערכת אמן אות ג

### 'אמן' אן כוונה איז נישט ווי א מנחה

**"וְזֹאת תּוֹרַת הַמִּנְחָה הַקְרֵב אֹתָהּ... רֵיחַ נִיחֹחַ אַזְכָּרָתָהּ לַה'"** (ו ז-ח)

אין די ראשונים (ראה: 'ספר הישר' לר"ת שער יג; 'חובות הלבבות' שער חשבון הנפש פ"ג אופן ט) טרעפן מיר א באקאנטע אויסדרוק: "תפילה בלא כוונה כגוף בלא נשמה". מיר דארפן אפלערנען די באדייט פון דער מאמר, וואס לכאורה פסל'ט עס יעדע תפילה וואס איז געזאגט געווארן אן כוונה, און לב יודע מרת נפשו וויפיל מאל דאווענען מיר אן קיין כוונה?

זאגט **רבי חיים וואלאזשינער**:

טראץ וואס די ווערטער ווערן צוגעגליכן צו א גוף, און די כוונה ווי א 'נשמה' ווייל דאס געבט אריין די חיות, דאך אויך א תפילה אן כוונה ווערט גערעכנט פאר א תפילה. אזוי ווי עס זענען דא עטליכע סארטן קרבנות, אזוי זענען אויך דא עטליכע דרגות אין תפילה וואס זענען אנשטאט דעם (ברכות כו ב); א תפילה מיט כוונה גייט ארויף לרצון ווי א קרבן פון א בהמה וואס האט אין זיך א חיות, און א תפילה אן כוונה איז ווי א מנחה וואס קומט פון א דומם וואס האט נישט קיין זעהל, כאטש איר דרגה איז וויינגער פון א קרבן א בעל חי, דאך גייט עס ארויף לריח ניחוח פאר ה'.

מיט די ווערטער ערקלערט **רבי זעליג ראובן בענגיס** ראב"ד ירושלים וואס דער נביא בעט פון די אידן (הושע יד ג): "**ונשלמה פרים שפתינו**" - ענק זאלן דאווענען מיט כוונה, כדי ענקער תפילה זאל זיין ווי א קרבן פון פרים און נישט נאר ווי א מנחת סולת.

דער גרי"ז פון **בריסק** האט מיט דעם אויך ערקלערט וואס עס ווערט געברענגט אין נאמען פון רבי חיים פון וואלאזשין איבער דער ענין פון ענטפערן אמן אן כוונה ('כתר ראש' אות כה): "אויף אמן אן כוונה האט ער נישט געטראפן קיין שום לימוד זכות". ד.מ.: כאטש אז אויף תפילה אן כוונה, האט רבי חיים געטראפן א לימוד זכות, אז עס ווערט אנגענומען ווי א מנחה, אבער אויף ענטפערן 'אמן' וואס איז נישט אקעגן די קרבנות, האט ער נישט געטראפן א לימוד זכות.

'כתר ראש' אות כב; 'לפלגות ראובן' ח"א עמ' קכח; 'כתר מלוכה' עמ' רפו

### דער מקור אויף די ברכה 'לאכול את הזבח'

**"וּבְשַׂר זֶבַח תּוֹדַת שְׁלָמָיו בְּיוֹם קָרְבָּנוֹ יֵאָכֵל לֹא יַנִּיחַ מִמֶּנּוּ עַד בֹּקֶר"** (ז טו)

רש"י זאגט (ברכות מח ב ד"ה כי) אז בעפאר מ'האט געגעסן די פלייש פון די קרבן דארף מען זאגן א ברכה: "אשר קדשנו במצוותיו וציונו לאכול את הזבח", ווייל עס איז א מצות עשה, אזוי ווי עס שטייט (דברים יב כז):"וְדַם זְבָחֶיךָ יִשָּׁפֵךְ... **וְהַבָּשָׂר תֹּאכֵל**".

וואונדערט זיך דער **'נודע ביהודה'**: פארוואס לערנט רש"י ארויס די מקור אויף די מצוה פון דער פסוק וואס עס שטייט אין חומש דברים, מ'קען עס דאך ארויסלערנען פון א פסוק אין אונזער פרשה: "**בְּיוֹם קָרְבָּנוֹ יֵאָכֵל**"?

ענטפערט ער: אונזער פסוק איז נישט געזאגט געווארן מיט א לשון ציווי, און מ'קען זאגן אז די תורה קומט נאר מתיר זיין די פלייש צו עסן, אזוי ווי די לשון "יֵאָכֵל" איז טייטש. אבער דער פסוק: "וְהַבָּשָׂר תֹּאכֵל" איז געזאגט געווארן מיט א לשון ציווי, און וועגן דעם האט רש"י דווקא געברענגט דעם פסוק אלץ מקור אויף די מצוה פון עסן.

'צל"ח' ברכות מח ב

### אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט 'אמן'

**"אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד עַל הַמִּזְבֵּחַ לֹא תִכְבֶּה"** (ו ו)

**"לא כבו גשמים אש של עצי המערכה"** (אבות ה ה)

אין מסכת תענית (טז ב) ווערט געברענגט אז אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט 'אמן' אויף די ברכות, נאר: "ברוך שם כבוד מלכותו...". וואס איז דער טעם?

ערקלערט **רבי חיים מפרידבורג**, דער ברודער פון מהר"ל מפראג:

ווען דער בית המקדש איז געשטאנען אויף זיין פלאץ, און די כבוד פון השי"ת איז אנטפלעקט געווען פאר אלעמען דורך די ניסים וואס זענען דארטן געשעהן, האט דער וואס ענטפערט זיך צוגעשטעלט צו דער מברך מיטן זאגן "ברוך שם כבוד מלכותו...", ווייל ער האט קלאר געזען דעם "כבוד מלכותו". אבער אין צייט פון גלות, ווען דער כבוד ה' איז באהאלטן, דער וואס זאגט די ברכה איז ממליך דעם באשעפער, און דער וואס ענטפערט 'אמן' איז מסכים מיט אים מיט א אמונה פשוטה.

**רבי חיים חייקא פון אמדורא** א תלמיד פון מעזריטשער מגיד ברענגט אויף דעם א רמז אין די ווארט 'אמן':

'אמן' איז בגימטריה צ"א, א רמז אויף דעם אז פון ווען די שכינה איז ארויס פון בית המקדש, נאכן חורבן, זאל מען ענטפערן 'אמן' נאך די ברכות.

'ספר החיים' ספר גאולה וישועה פ"ג; 'אגרת הטיול' חלק הדרש אות ב; 'חיים וחסד' עמ' כא

### דאנקען אויף די זכות צו זאגן א 'תודה'

**"אִם עַל תּוֹדָה יַקְרִיבֶנּוּ"** (ז יב)

"'אם על תודה' - אם על דבר הודאה על נס שנעשה לו, כגון יורדי הים והולכי מדבריות וחבושי בית האסורים וחולה שנתרפא" (רש"י).

פארוואס האט די תורה געשריבן: "אם **על** תודה" און נישט: "אם תודה יקריבנו"?

זאגט **רבי שלמה קלוגער**:

דער וואס איז אים געשען א נס און איז געראטעוועט געווארן פון א געפאר דארף אויף דעם לויבן דעם באשעפער. אבער, דער עיקר שמחה זאל נישט זיין אויף די עצם רעטענונג, נאר אויף דעם וואס צוליב דעם איז אים געגעבן געווארן די מעגליכקייט צו לויבן. און דאס איז די כוונה אין די תורה: "אם על תודה" - אויף דעם וואס עס איז אים געגעבן געווארן די מעגליכקייט צו לויבן אויף זיין רעטענונג, דעמאלטס "יקריבנו" און עס וועט אנגענומען ווערן לרצון.

'חכמת התורה' עמ' קנה; קסא

דער יסוד, לויבן אויף דעם וואס מ'קען לויבן, ווערט שוין דערמאנט אין די ראשונים, און מיר טרעפן אויך אין זייערע ווערטער א ספעציעלע לויב אויף די זכות וואס מיר האבן באקומען צו ענטפערן אמן:

אין מסכת סוטה (מ א) ווערט געברענגט: "ווען דער שליח ציבור זאגט 'מודים', וואס זאגט דער עולם? זאגט רב: 'מודים אנחנו לך ה' אלוקינו על שאנו מודים לך'". און **תוספות** (שם ד"ה על) ברענגט דארט אין נאמען פון **'ספר הערוך'** (אות ד ערך דד) אז דאס איז די כוונה פון די גמרא: וויבאלד דער חזן זאגט די ברכה פון מודים בשליחות פונעם ציבור, און זיי ענטפערן אויף דעם אמן. דעריבער לויבט דער ציבור און זיי זאגן: "מודים אנחנו לך... על שאנו מודים לך" - אויף דעם וואס מיר האבן זוכה געווען אז דער חזן זאל מיט אונזער שליחות זאגן די ברכה פון 'מודים' און מיר וועלן ענטפערן נאך אים אמן.

## אז רוב ניסים הפלאת

הקדוש, אין זיין הייליגע ספר 'שני לוחות הברית' (מסכת תמיד אות פ) שרייבט ער זייער שטארק איבער די געהויבענע מעלה פון ענטפערן אמן, און די געוואלדיגע ישועות וואס מ'קען פויעלן דורכ'ן ענטפערן, און אזוי שרייבט ער:

**"די ספרי המקובלים וואס שעפן זייערע ווערטער פון די באר-מים-חיים פון די זוהר זענען מאריך אין דעם סוד פון דער ווארט 'אמן' און זיינע אותיות, און זיי שרייבן אז די עליונים און די תחתונים זענען אלע אנגעהאנגען אין דער ווארט אמן, און דאס איז דער עיקר און שורש און יסוד אויף אלע עולמות.**

**און דער וואס האט אינזין יעדע ברכה וואס קומט ארויס פון די מויל פון דער מברך און ענטפערט אמן מיט כוונה אזוי ווי עס דארף צו זיין, ברענגט צו אויבן זייער אסאך קדושה, און איז משפיע א שפע פון אסאך גוט'ס פאר אלע עולמות, ווייל ער עפנט דער מקור העליון פון די מים חיים, אזוי ווי איינער וואס עפנט דער קוואל אנטרינקען אלעס וואס מ'דארף אנטרינקען..."**




**ברכות השחר בחברותא - ארומגענומען מיט ישועות**

# תענה אמונים

פערל ווערטער און ערקלערונגען אויף 'ברכת המזון'

## די ברכה פון 'נטילת ידים'

### הייליגן די גשמיות'דיגע פעולות

אין בעפארברייטונג פון ענדיגן די סעריע ארטיקלען אויף ברכת המזון, און אין ליכט פון געבעטן וואס זענען געקומען צו אונז, גייען מיר צוריק, משלים זיין וואס מיר האבן פארפעלט, די ערקלערונג אין די מצוה און אין די ברכה פון 'נטילת ידים' וואס ווערט געזאגט יעדן אינדערפריה ווען מ'שטייט אויף, און בעפאר מ'וואשט זיך צו ברויט:

דער באשעפער ברוב רחמיו וחסדיו האט אנז געשאנקען א וואונדערליכע מתנה, וואס מיט זייער הילף קענען מיר אויספירן אסאך קאמפליצירטע זאכן אזוי אויך איינפאכע, און דורך דעם אויפטון אסאך גוטע זאכן פאר אונז און פאר אנדערע אויף דער וועלט און אויף דער קומענדיגע וועלט, ד.מ. די 'צוויי הענט'.

די הענט זענען די 'כלי המעשה' אויף דער וועלט, און זייערע טוהונגען זענען בעיקר גשמיות'דיגע. אונזער ציל מיט עבודת ה' איז מקדש זיין די גשמיות'דיגע מעשים, און דעריבער האבן די חכמים מתקן געווען וואשן די הענט און זיי ריי‍ניגן פארן עסן, כדי צו ווייזן אז מיר עסן נישט כדי צו נאכגעבן אונזערע הארץ גלוסטענישן, נאר כדי זיך צו שטארקן און זאמלען כח צו עבודת ה' ('קרן אורה' סוטה ד ב).

### ענליך צו די עבודה אין בית המקדש

די תורה האט באפוילן די כהנים זאלן וואשן זייערע הענט און פוס בעפאר זיי גייען טון א עבודה אין בית המקדש, אזוי ווי עס שטייט (שמות ל כ): "בבואם אל אהל מועד ירחצו מים ולא ימותו או בגשתם אל המזבח לשרת...", און אונקלוס טייטש: "ירחצו" - "יקדשון", ד.מ. דורך זיך וואשן מיט די וואסער פון די כיור, האט דער כהן מקדש געווען זיינע הענט צו די עבודה.

פון די מצוה פון קידוש ידים ורגלים וואס איז געווען אין די צייטן פון די בית המקדש, האבן די חכמים ארויס געלערנט די מצוה פון וואשן די הענט יעדן אינדערפריה, פארן דאווענען: ווען עס ווערט טאג, ווערט דער מענטש ווי א נייע באשעפעניש און ער דארף לויבן אויף דעם וואס ער איז באשאפן געווארן צו לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן, וועגן דעם דארף ער זיך הייליגן און וואשן די הענט פון א כלי, אזוי ווי א כהן וואס איז מקדש זיינע הענט בעפאר זיין עבודה (רשב"א, שו"ת ח"א סי' קצא). אויך וואשן די הענט פארן עסן א סעודה לערנט מען ארויס פון וואשן די הענט וואס איז געווען אין בית המקדש, ווייל עס שטייט (תהילים כו ו):

"ארחץ בנקיון כפי ואסובבה את מזבחך ה'", און די חכמים זאגן דאך (מנחות צז א) אז א טיש פון א מענטש איז דומה למזבח ('חכמת שלמה' או"ח קנח א).

### די ברכה 'על נטילת ידים'

אזוי ווי אלע ברכות המצוות, אויך אויף די מצוה פון נטילת הידים האט מען מתקן געווען א ברכה: "אשר קדשנו במצוותיו וציונו על נטילת ידים". כאטש ווי געזאגט איז עס נישט קיין מצוה מן התורה, פון דעסוועגן האט מען מתקן געווען ביי די ברכה דער לשון: 'וציונו', ווייל דער אייבערשטער האט אונז באפוילן פאלגן וואס די חכמים הייסן, אזוי ווי עס שטייט (דברים יז יא): "על פי התורה אשר יורוך... לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך" (רמב"ם ברכות ו ב).

כאטש אז די מצוה פון נטילת ידים איז נישט מן התורה, האבן די חכמים (חולין קו א) געטראפן אויף דעם א סמך פון דער פסוק (ויקרא טו יא): "וכל אשר יגע בו הזב וידיו לא שטף במים... וטמא"; דער פסוק איז כאילו איינגעטיילט אין צוויי ערליי סארטן טומאות: דער וואס האט אנגערירט א זב, און דער וואס 'ידיו לא שטף במים'. זעהט מען אז מ'דארף וואשן די הענט פארן עסן ברויט.

### 'נטילה' און נישט 'רחיצה'

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האבן די חכמים מתקן געווען דער נוסח הברכה צו זאגן: "על נטילת", און נישט: "על רחיצת ידים", אזוי ווי דער לשון הפסוק (שמות ל כא): "ורחצו ידיהם ורגליהם ולא ימותו".

די פראגע פרעגן די מפרשים און זיי ערקלערן עס אויף עטליכע וועגן:

א. דער ערוך (ערך נטל) זאגט אז אין זייערע צייטן האט מען זיך געוואשן מיט א כלי וואס האט געהאט אין זיך א שיעור פון א רביעית הלוג און זיין נאמען איז געווען 'נטלא'. אויף די נאמען פון דער כלי, זאגט מען 'על נטילת ידים'.

ב. אין ספר הפרדס פון רש"י (עניני נטילת ידים) ברענגט ער אין נאמען פון רב האי גאון, די חכמים זאגן (סוטה ד ב) אז דער וואס וואשט זיך די הענט דארף ער זיי אויפהייבן, און 'נטילה' איז טייטש אויפהייבן אזוי ווי עס שטייט (ישעיה סג ט): "וינטלם וינשאם".

ג. עס זענען דא וואס זאגן אז מ'האט מתקן געווען דער לשון, כדי צו באטאנען אז די מצוה איז נישט צוליב אראפ נעמען די שמוץ פון די הענט, נאר זיי צו ריי‍ניגן און זיי ארויפפירן א דרגה, און ווי געזאגט 'נטילה' באדייט אויפהייבן ('סידור אוצר התפילות' - 'עיון תפילה').

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## די עלעקטערי' וואס האט זיך אפגעהאקט

די פאלגנדע ערציילונג איז צו אונז געברענגט געווארן דורך דעם באקאנטן שרייבער הרב יאיר וויינשטוק שליט"א וואס האט עס געהערט ערשט-האנטיג. צוליב די כבוד הבריות זענען פארשטייט זיך פארענדערט געווארן עטליכע איינצעלהייטן, אבער די פאסירונג איז געווען, און די דערהער וואס קומט ארויס פון דעם - איז זייער קלאר: דער אייבערשטער איז שומע תפילת כל פה, אויך די גאר קליינע געבעהטן ווערן אויסגעהערט און אנגענומען, און דער כח התפילה קען צומאל ענדערן א צושטאנד אויף גאר א אינטערעסאנטן וועג.

ר' משה און זיין פאמיליע וואוינען אין איינע פון די פרומע שטעט אינמיטן לאנד, גאנץ ווייט אפגערוקט פון זיין ברייטע פארצווייגטע פאמיליע אין דרום לאנד. ווייל זיי האבן געהאט גוטע פריינד וואס וואוינען אין דרום לאנד און זייער פאמיליע פון ארום וואוינען אין צענטער ארץ ישראל, האבן זיי פון מאל צו מאל געטוישט צווישן זיך זייערע הייזער; זיי זענען געפארן אויף דרום און פארברענגט א שבת מיט זייערע נאנטע אין דרום, און זיי זענען געפארן אויף א פאראייניגטע-שבת מיט זייער פאמיליע וואס וואוינען אין צענטער ארץ ישראל.

ווייל די צוויי פאמיליעס האבן פארדינט פון די טויש, אין א בחינה פון 'זה נהנה וזה נהנה', האט דער סיסטעם אנגעהאלטן עטליכע יאר מיט א געוואלדיגע הצלחה, און אויך אויב פון מאל צו מאל האבן פאסירט פארשידענע פראמלעמען, האט זיי באלד מוחל געווען איינער פארן צווייטן, און ביז א קורצע צייט האט מען פון דעם פארגעסן.

אין קלייניקייט האט שטענדיג געשטערט די רואיגקייט פון ר' משה'ס ווייב אין די אויבנדערמאנטע שבתות; איינע פון די טעכטער פון די אנדערע פאמיליע, האט געליטן פון וואס מ'קען אנרופן אויף א איידעלען לשון: 'שטארק נייגעריגקייט', און נאך יעדע אזא שבת זענען שטענדיג געבליבן אין די שאפעס צייכענונגען אז איינע האט דא עפעס ארום געזוכט.

איר מוטער האט געוואוסט פון די פראבלעם, און מיט א אפענע הארץ האט זי עס דערציילט פאר די באלעבאסטע, ווען זי לייגט צו אז פון איר זייט קען זי גארנישט טון צו דעם, טראץ אירע פרוואונגען איר צו אפהאלטן, שטענדיג טרעפט די טאכטער איינפאלסרייכע וועגן נאכקומען איר נייגער, און די איינציגסטע וועג וואס איז איבערגעבליבן פאר איר מוטער איז איר צו אנווארענען פון פריער.

די פרוי פון ר' משה איז געווען ספעציעל עמפינדליך אויף איר פריוואטקייט, און די זאך האט איר זייער געשטערט. די מוטער פון די מיידל האט איר אנגעטראגן א איינפאכע לעזונג - באהאלטן די הייקאלע זאכן און דאקומענטן אין א פארשלאסענע שאפע, און זי האט שטענדיג אזוי צו טוהן.

אזוי איז אויך געווען אין די שבת וואס איבער דעם דערציילן מיר. די פאמיליע פון ר' משה האט באקומען א איינלאדענונג פון זייער פאמיליע פון דרום. ער האט געקלינגען צו זיין חבר, און האט זיך געפריידט צו הערן די ענטפער 'יא'. די שבת איז געווען א ספעציעלע שבת אין די קהילה וואו זיי געהערן, און זיי האבן זיך געפריידט אויף די געלעגנהייט וואס איז זיי אונטער געקומען זיך צו קענען באטייליגן.

אויך דאס מאל האט די פרוי פון ר' משה זיך געגרייט צו דעם אזוי ווי שטענדיג, און אלע פריוואטע זאכן האט זי פארשלאסן. אבער פרייטאג צונאכט'ס, אינמיטן די סעודה, האט זי זיך פלוצלינג דערמאנט אז זייער א געהיימע דאקומענט האט זי פארגעסן אין אינע פון די שאפעס.

"אוי ואבוי" איז פלוצלינג ארויסגעקומען א געשריי פון איר מויל, און אפילו ר' משה האט נישט פארשטאנען איר באדייט. "איך האב פארגעסן צו באהאלטן א געהיימע דאקומענט און איך ציטער זייער אז עס וועט אנקומען צו די הענט פון די מיידל וואס שטענדיג נישטערט זי" - האט די פרוי געזאגט מיט ציטער. און האט באלד ערקלערט פאר איר מאן וואס האט צום ערשט געהערט פון אים:

"די מאמע פון די פאמיליע וואס זענען צוגאסט אין אונזער הויז האט מיר דערציילט אז איר טאכטער האט א 'שוואכקייט' צו זוכן און נישטערן אין שאפעס פון פרעמדע הייזער. שטענדיג געב איך אכטונג צו פארשפארן און באהאלטן יעדע פריוואטע זאך בעפאר מיר פארלאזן אונזער היים, און היינט צוליב די גרויסע פרעשע אין ארגאניזירן צו די רייזע, האב איך פארגעסן צו באהאלטן די וויכטיגע און געהיימענע דאקומענט, יעצט איז עס געבליבן אפן און גרייט צו די אויגן פון די נייגעריגע טאכטער".

אנגעהויבן פון יענע מינוט האט די פרוי נישט געקענט צו זיך קומען. אין אירע אויגן האט זי אגאנצע צייט געזעהן ווי די מיידל גראבט און נישטערט אין יעדע באהאלטענע ווינקל, און דאס האס איר זייער געמוטשעט אזוי ווייט אז זי האט נישט געקענט איינשלאפן.

אין אנהויב האט ר' משה געטראכט פרובירן בארואיגן די זארג, אין זיינע אויגן איז נישט געווען אזא גרויסע אומגליק אויב א פרעמדע אויג וועט טרעפן דעם דאקומענט, און אויסער דעם איז די זארג געווען איבערגעטריבן; פארוואס זאל די מיידל פונקט דאס וועלן קוקן?! אבער קענעדיג די נאטור פון זיין פרוי און איר שטרענגקייט אויף איר פריוואטקייט, האט ער געוואוסט אז זיינע ווערטער וועלן נאר צולייגן אויל צו די פייער פון אירע זארגן.

אנשטאט דעם האט ער פארגעשלאגן און איר בארואיגט: "לאמיר דאווענען אויף דעם. מיר זענען דאך ערצויגן געווארן אויף דעם באקאנטן כלל אז עס איז נישטא אזאך וואס איז מער שטערקער פון דאווענען, אויב אזוי, לאמיר דאווענען צום אייבערשטן ער זאל טרעפן א וועג אפהאלטן די מיידל זאל נישט טרעפן די דאקומענט וואס דו ווילסט נישט זי זאל עס טרעפן".

אין א שפעטע נאכט שטונדע איז ר' משה מיט זיין פרוי ארויס אויף די טעראסע פון די הויז וואו זיי זענען איינגעשטאנען, און געדאוונט צום אייבערשטן ער זאל טרעפן א וועג וואס וועט פארמיידן זייערע פריוואטע סודות פון די אויגן פון די מיידל.

די תפילה האט שוין אויפגעטוהן, עס האט געברענגט א רואיגקייט אויף די מוטער. זיי האבן געפילט א רואיגקייט אז זייער תפילה איז אנגענומען געווארן.

*

מוצאי שבת, באלד נאכן ענדיגן הבדלה קלינגט די סעלפאון פון ר' משה. אויפן ליין איז געווען זיין פריינד, דער פאטער פון די פאמיליע וואס האבן זיך געטוישט מיט אים די הויז. "א גוטע וואך", האט ער געזאגט און עס האט זיך געהערט צוזאמען מיט א טאן פון ווייטאג. "ענק האבן געהאט א נס אז שבת זענען ענק נישט געווען אין ענקער הויז". ר' משה איז געווארן אנגעצויגן, און דער פריינד האט ערקלערט: "שבת פארטאג'ס, אין א אומבאקאנטע צייט איז די עלעקטערי' אראפגעפאלן, מיר זענען אויפגעשטאנען אינדערפריה צו א קאלטע הויז, און נאך ערגער פון אלעם - די עלעקטערישע פלאטע האט זיך פארלאשן און דער טאפ טשאלענט וואס איז געליגן אויף דעם איז שוין כמעט אינגאנצן געווען קאלט. מיר האבן געמוזט פארלאזן ענקער הויז און זיך אויפהאלטן ביז מוצאי שבת ביי פארשידענע באקאנטע וואס האבן אויף אונז רחמנות געהאט און ארייגענומען. ביז יעצט זענען מיר דארטן געווען און יעצט בין איך צוריק צו די הויז נעמען אונזערע זאכן.

יעצט ווען איך בין צוגעגאנגען צו די עלעקטערי' קעסטל און איך האב אויפגעהויבן דעם קנעפל האט אלעס אנגעהויבן צוריק ארבעטן, ווי גארנישט וואלט נישט פאסירט פון פריער. איך פארשטיי נישט וויאזוי קען זיין אזא זאך, וואס האט צוגעברענגט אז די עלעקטערי' זאל זיך אויסלעשן פונקט אינמיטן נאכט, אבער דאס איז די מציאות...".

ר' משה האט זיך געוואלט באטייליגן אין דער צער פון זיין ידיד, אבער עס איז אים שווער אנגעקומען, ווייל זיין הארץ איז פול געווען מיט געפילן פון שמחה און לויב צו ה'. זייער בשותפות'דיגע תפילה איז אנגענומען געווארן. ריכטיג, עס רעדט זיך נישט פון א תפילה וואס מיר זענען געוואוינט, איבער שידוכים, פראבלעמען פון געזונטהייט א.ד.ג., אבער דאס איז זיכער געווען א תפילה וואס איז ארויסגעקומען פון טיפן הארץ, און איז באלד אנגענומען געווארן.

shay עיצובים